איר זוכט; וואָס פֿאַר אַ סבה איז עס, צוליב וועלכער
22 איר זענט געקומען? האָבן זיי געזאָגט: קאָרנעליוס,
אַן אָפֿיציר, אַן איש צדיק און ירא־שמים, און וואָס
האָט אַ גוטן שם בײַם גאַנצן יידישן פֿאָלק, האָט
באַקומען אַ באַפֿעל פֿון אַ הייליקן מלאך, צו שיקן
דיך רופֿן אין זיין הויז אַרײַן, און צו הערן רייד פֿון
23 דיר. דעמלט האָט פּעטרוס זיי אַרײַנגערופֿן און
אויפֿגענומען גאַסטפֿריינטלעך.
און צומאָרגנס איז ער אויפֿגעשטאַנען און איז
אַוועק מיט זיי, און אייניקע פֿון די ברידער אין
24 יפֿו זענען מיטגעגאַנגען מיט אים. און דעם
אַנדערן טאָג זענען זיי אַרײַנגעקומען קיין קיסריה.
קאָרנעליוס אָבער האָט שוין געוואַרט אויף זיי,
האָבנדיק צוזאַמענגערופֿן זיינע קרובים און די
25 אינטימע פֿריינט. און עס איז געשען, בשעת
פּעטרוס איז אַרײַנגעקומען, אַז אַנטקעגנגייענדיק
אים, איז קאָרנעליוס אַנידערגעפֿאַלן פֿאַר זיינע
26 פֿיס און האָט זיך געבוקט. פּעטרוס אָבער האָט אים
אויפֿגעהויבן, און געזאָגט: שטיי אויף; איך אַליין
27 בין אויך נאָר אַ מענטש. און רעדנדיק מיט אים,
איז ער אַרײַנגעגאַנגען, און האָט געפֿונען אַ סך
28 צונויפֿגעקומענע; און האָט צו זיי געזאָגט: איר
ווייסט אַליין, ווי עס איז אסור פֿאַר אַ יידן זיך צו
באַהעפֿטן אָדער צו קומען צו־איינעם פֿון אַ פֿרעמד
פֿאָלק; נאָר ג־ט האָט מיר געוויזן, קיין מענטשן
29 נישט צו רופֿן געמיין אָדער טמא. היות איך בין
גערופֿן געוואָרן, בין איך דערפֿאַר געקומען אָן
איך פֿרעג דעריבער, צוליב וואָס האָט
30 איר מיך געלאָזט רופֿן? און קאָרנעליוס האָט געזאָגט:
מיט פֿיר טעג צוריק ביז צו דער דאָזיקער שעה,
דער ניינטער, האָב איך תפילה געטון אין מיין הויז;